Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# A ṭoyṭ di ḳanibaln!

Markiš, Perec D.
מארקיש, פערעץ

Moskve, 1941

יעדער טאנק וועט א קייווער זיין ווערן

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-7280

Visual Library

# יעדער טאנק וועט א קייווער זיי ווערן!

ס׳געבלעטער פונ וואלד איז, ווי כאקי,
קאָלאָנעס פונ קריגער — ווי וואלד;
קיינ שטורעמ ניט דורכ וועט מ׳ט פלאקער,
ניט דורכרײַסנ וועט זיכ קיינ זאלפּ!

זיי ניט דורכלאָזנ — וועגנ זיכ שווערנ,
ניט ארײַנ, ניט ארויס אפ צוריק;
יעדער טאנק וועט א קייווער זיי ווערנ,
אונ א קרייצ — די צעבראָכענע ביקס.

ס׳צעבליט זיכ אפ פעלדער דער האָבער,
אפ ווײַטנ הירזשענ די פערד, —
יעדער טראָט וועט א גרוב זיי צעגראָבנ
בא דעמ ראנד פונעמ פאָטערלאנדס ערד.

דער שאָרכ פונעמ ווינט איז אנ אָנזאָג,
די טריט פונ די קריגער באשליסט —
ס׳וועט קיינ איינציקע קויל ניט פארבלאָנדזענ,
וואָס געצילט איז אינ הארצ פונ פאשיסט.

אינ פעלד גיסנ אָנ זיכ די זאנגענ,
ס׳באטרינקט זיי פרימאָרגיקער טוי, —

ס'וועט די האנט זיי פון פײַנט ניט דערלאנגען,
דער צוריק צו זיי — איז טויט!

דער טײַכן-געדויש, ווי א האָרן,
און דער שטראָם פון די קריגער באשווערט:
קיין פיס וועט ניט טרעטן דאָס קאָרן
פונעם פאָטערלאנדס הייליקער ערד.

ס'בלאנקט די שווערד פארן לאנד מיט שטראלן,
און געפאנצערט — דעם פאָטערלאנדס ערד,
ווײַל דער ערשטער ארמייער איז סטאלין,
ווײַל אין שלאכטן דער ערשטער — איז ער!

זײַן געווער — איז די זון און די פרײַהײַט,
און זײַן פאָן — איז דאָס גליק פונעם פאָלק;
זײַן ליד איז די שוווּע פון טרײַהײַט,
זײַן טראָט איז אין שלאכט בעשטאָלט.

דאָס פינקלען פון שטערן איז זויבער,
און ווי שטערן ז'פון קריגער דער גאנג, —
ס'וועט אין פײַער דער פײַנט זיך צעשטויבן,
און אין אש אפ אים ווארט דער פארגאנג.

ס'קוקן פעלקער פארטײַעט מיט בענטשונג
אפ דער פרײַער סאָוועטישער שווערד, —
ווײַל אין איר איז דער גוידל פון מענטשהײַט,
ווײַל אין איר איז דער גוידל פון וועלט.